בס"ד

פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת כי תבא תשע"ט | שבת סליחות | גליון 521 [שנה י"א]

די שפע וועט גיין נאר צו כלל ישראל

הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן הַשָּׁמַיִם וּבָרֵךְ אֶת עַמְּךָ אֶת יִשְׂרָאֵל וְאֵת הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לָנוּ כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבֹתֵינוּ אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ (כו טו) רש"י זאגט אויפן פסוק וַיַּשְׁקִפוּ עַל פְּנֵי סְדֹם (בראשית יח טז): "כל השקפה שבמקרא לרעה חוץ מ'הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ" (דברים כו טו), אויב אזוי איז שווער פארוואס באנוצט מען דא מיטן לשון הַשְׁקִיפָה, וואס איז א לשון רעה אלעמאל, און דא איז דאס גאר א ברכה? נאר עס שטייט אין היילגן ספר עבודת ישראל פון קאזניצער מגיד אויפן פסוק בְּדֶרֶךְ אֶחָד יֵצְאוּ אֵלֶיךָ וּבְשִׁבְעָה דְרָכִים יָנוּסוּ לְפָנֶיךָ: (דברים כח ז) אז ווען דער אויבערשטער איז משפיע פאר די אידן גוטס מצד זיין גרויסן חסד פאר כלל ישראל, דעמאלטס האבן די גויים אויך הנאה פון דעם שפע, און ממילא נעמט דאס אוועק פון די אידן, אבער אויב דער אויבערשטער איז מצמצם די טובה עס זאל נאר גיין צו די אידן האבן די גויים נישט קיין חלק אין דעם שפע, און די אידן באקומען די גאנצע שפע, און דאס איז ווען די אידן זענען עושין רצונו של מקום, אבער אויב זיי זענען נישט עושין רצונו של מקום גיט זיי דער אויבערשטער בכללות און די גויים באקומען אויך פון דעם. יעצט דער לשון פון הַשְׁקִיפָה איז א ראיה מצומצם אזוי ווי עס שטייט כִּי בְּחַלּוֹן בֵּיתִי בְּעַד אֶשְׁנַבִּי נִשְׁקָפְתִּי (משלי ז ו), ממילא דא ווען כלל ישראל ברענגען ביכורים און זאגן די ווידוי מעשר, שָׁמַעְתִּי בְּקוֹל ה' אֱלֹקָי עָשִׂיתִי כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתָנִי:, זענען זיי עושין רצונו של מקום, דעריבער וּבָרֵךְ אֶת עַמְּךָ אֶת יִשְׂרָאֵל, איז די גאנצע ברכה נאר פאר כלל ישראל. (אך פרי תבואה ליסקא)

פרנסה קען קומען צו דיר אין שטוב

וּבָאוּ עָלֶיךָ כָּל הַבְּרָכוֹת הָאֵלֶּה וְהִשִּׂיגֻךָ כִּי תִשְׁמַע בְּקוֹל ה' אֱלֹקֶיךָ: (כח ב) עס איז באוואוסט די מעשה ביים היילגן קדושת לוי וואס האט געזען ווי איינער לויפט אין וועג פרעגט אים דער רבי וואו לויפט ער? האט ער געענטפערט ער לויפט צו זיין פרנסה, האט אים דער רבי געפרעגט ווער זאגט דיר אז דיין פרנסה איז דארטן וואס דו לויפסט איר נאך אפשר איז דיין פרנסה אנגעגרייט ביי דיר אין שטוב, און דו אנטלויפס גאר פון דיין פרנסה? כדי צו פארשטיין די מעשה: לויט וואס עס שטייט אין גמ' ביצה (דף טז ע"א) כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה עד ראש השנה, און עס שטייט אין היילגן ספר נועם אלימלך פ' בשלח אויפן פסוק הִנְנִי מַמְטִיר לָכֶם לֶחֶם מִן הַשָּׁמָיִם, זאגט דער אויבערשטער איך בין גרייט צו געבן יעדן איד זיין פרנסה פון הימל, און מען וועט נאר דארפן ארויסגיין פון טיר פון שטוב און דארטן וועט זיין דיין פרנסה אנגעגרייט, נאר אלעס ווענדעט זיך אין דיין בטחון, וועסטו האבן די ריכטיגע בטחון וועט דיין פרנסה זיין ביי דיין טיר, און וועסט דאס האבן אן צער און אן יגיעה אזוי ווי עס רעגנט וואסער אן צער, אבער ווען מען האט נישט בטחון דארף מען גיין און זוכן פרנסה, "וְיָצָא הָעָם וְלָקְטוּ". עכ"ד. קומט אויס אויב מען לויפט צו די פרנסה ווייזט זיך אז עס פעלט אין בטחון, ממילא קען זיין אז מען אנטלויפט פון די פרנסה. מיט דעם קען זיין פשט אין פסוק וּבָאוּ עָלֶיךָ כָּל הַבְּרָכוֹת הָאֵלֶּה, די פרנסה דיינע וועט קומען צו דיר וְהִשִּׂיגֻךָ, די פרנסה וועט זיין ביי דיין טיר, ווייל כִּי תִשְׁמַע בְּקוֹל ה' אֱלֹקֶיךָ: וועסט האבן בטחון אז דער אויבערשטער גיט דיר פרנסה, אזוי ווי מָן. (בית אשר גרינצווייג)

דער נס ביי קריעת ים סוף האט יעדער געזען לויט זיין מדריגה

וַיִּקְרָא מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַתֶּם רְאִיתֶם אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְעֵינֵיכֶם בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם לְפַרְעֹה וּלְכָל־עֲבָדָיו וּלְכָל־אַרְצוֹ: הַמַּסּוֹת הַגְּדֹלֹת אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ הָאֹתֹת וְהַמֹּפְתִים הַגְּדֹלִים הָהֵם: (כט א–ב) עס איז א פלא ווייל דא רופט משה צו גאנץ כלל ישראל און זאגט זיי אַתֶּם רְאִיתֶם אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְעֵינֵיכֶם, א לשון רבים אלע האבן געזען, און נאכדעם פירט ער אויס הַמַּסּוֹת הַגְּדֹלֹת אֲשֶׁר רָאוּ "עֵינֶיךָ" א לשון יחיד, דיינע אויגן און נישט אֲשֶׁר רָאוּ "עֵינֵיכֶם"? און נאך מער די גאנצע ווערטער זענען איבעריג בשעת עס שטייט שוין אַתֶּם רְאִיתֶם? נאר עס איז באוואוסט וואס רש"י זאגט ביי לוט: וַיְהִי כְהוֹצִיאָם אֹתָם הַחוּצָה וַיֹּאמֶר הִמָּלֵט עַל נַפְשֶׁךָ אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ (בראשית י"ט י"ז) וז"ל אַתָּה הִרְשַׁעְתָּ עִמָּהֶם ובזכות אברהם אתה ניצול, אינך כדאי לראות בפורענותם ואתה ניצול! זעט מען א יסוד: אויב א מענטש ווערט ניצול אין זיין אייגענעם זכות מעג ער זען אין די מפלה פון זיין שונא. און עס שטייט (שמות יד כט) וְהַמַּיִם לָהֶם חֹמָה, שטייט חֵמָה– כעס– און מען ליינט דאס חֹמָה, וועגן די קיטרוג פון הללו עובדי ע"ז והללו עובדי עו"ז, מה נשתנו אלו מאלו? ממילא אויב עס שטייט אַתֶּם רְאִיתֶם אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְעֵינֵיכֶם בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם אז די אידן האבן געזען וואס איז געשען צו די מצריים איז דאך דאס א נס, אבער דער נס איז געווען בכללות אז אלע האבן געזען א נס איז געשען, אבער וויפיל א יחיד האט געזען, דאס ווענדט זיך אין זיין מדריגה, דאס מיינט אֲשֶׁר רָאוּ "עֵינֶיךָ", יעדער יחיד האט אנדערש געזען. (ערך שי טאבאק –סיגוט)

א נייע ווינקל: ידיעות וועגן פריערדיגע ספרים און מחברים [פרק י]

ספר דברי צדיקים ערשטער ספר געדרוקט אין סיגוט

איך האב געזען א גאר שיינע ספר דברי צדיקים דער ערשטער ספר וואס איז געדרוקט אין סיגוט תרל"ד, דער מחבר איז הרה"ג ר' יוסף מרדכי ב"ר יחיאל צבי כהנא. דער ספר גייט אויף סדר א–ב און ברענגט גאר שיינע פשטים לפי סדר א–ב. מען וועט פרובירן זען ווער איז דער מחבר? ערשטנס האט ער 5 הסכמות פון גדולי עולם: דער הייליגער ייטב לב אב"ד סיגוט, דער גאון מהר"ם שיק אב"ד חוסט, דער גאון ר' שמעלקא סעליש דער בעל צרור החיים, דער הייליגער קול אריה, הגאון ר' חיים סופר פון מונקאטש. עס איז שווער צו טרעפן אזעלכע ריזן וואס געבן א הסכמה אויף א מחבר ספר, און די טיטלען וואס ער באקומט, דער מחבר איז געווען רב אין טעטש און נאכדעם אין סיגוט, זיין יארצייט איז י"ב סיון תרנ"ו, ער איז געווען א גרויסער יחסן. זיין ברודער איז דער גאון ר' חיים אריה כהנא פון סיגוט מחבר ספר דברי גאונים אויף כללי הש"ס געדרוקט אין אונגוואר תר"ל און שפעטער אין תרס"א אין סיגוט. ער האט אויך חשובע הסכמות פון היילגן ייטב לב, הגאון ר' יוסף שאול נאטענזון דער מחבר פון דברי שאול, שואל ומשיב און נאך, הגאון ר' משה שיק דער מהר"ם שיק פון חוסט, און הגאון ר' שלמה גאנצפריד פון אונגוואר, דער בעל קיצור שו"ע. און דער מחבר ברענגט אין זיין ספר חידושים אויף מס' פסחים פון ר' שלמה, וואס ווייזט דער ידידות צווישן זיי. זייער טאטע איז געווען הגאון ר' יחיאל צבי כהנא וואס מען ווייסט נישט פרטים וועגן אים, ער איז דער זון פון הגאון ר' יוסף מרדכי וואס איז געווען א נאנטער חסיד פון אהבת שלום פון וויזניץ, ער איז געגאנגען טלית און תפילין א

גאנצן טאג, ער איז געווען א דיין אויך אין סיגוט, (נפטר ב׳ אדר תקצ״ד). זיין טאטע איז געווען דער גרויסער גאון ר׳ יהודה הכהן כהנא- העללער מחבר קונטרס הספיקות און תרומת הכרי, און דער ברודער פון הגאון הר׳ ארי׳ ליב העללער דער מחבר ספרי קצות החושן, אבני מילואים, און שב שמעתתא. און זייער יחוס איז צום הייליגן גאון ר׳ יום טוב ליפמאן העללער דער בעל תוס׳ יו״ט ועוד, נפטר ו׳ אלול תי״ד. דער ספר איז נישט איבער געדרוקט און איז גאר שיין, און איז דער ערשטער ספר געדרוקט אין סיגוט דער עיר ואם בישראל זיע״א. (שמחה זבולון תשע״ט)

מדור העובדות

דער הייליגער קאצקער שאפט עשירות פאר זיין חסיד

אין שטאט חענטשין האט געוואוינט דער גרויסער עושר הרה״ח ר׳ חיים משה רוטטנבערג. וואס חוץ זייענדיג דער ברודער פון הייליגן חידושי הרי״ם פון גור, איז ער אויך געווען א נאנטער חסיד פון הייליגן רבי ר׳ מנחם מענדל פון קאצק, ער האט געטיילט גאר גרויסע געלטער פארן קאצקער רבין, חוץ וואס זיין טיר איז שטענדיג געווען אפען פאר העלפן אידן. און טאקע זיין עשירות איז געקומען פון א ברכה פון קאצקער:

ר׳ חיים משה איז געווען א געוויגטער חסיד און געזעצן יום ולילה על התורה והעבודה און געווען גאר דערהויבן, און נישט געשטרעבט אויף קיין שום גשמיות, אבער די דחקות ביי אים אין שטוב איז געווארן גאר גרויס אז די קינדער פלעגן הונגערן טעג און זיי האבן אויך נישט געהאט נארמאלע קליידער. ר׳ חיים משה איז אריין צו זיין רבין פון קאצק, און פרעגט אים א עצה וואס צו טאן! ענטפערט אים דער רבי: און אז עס איז נישטא קיין פרנסה, פארט מען אין ווארשא און מען גיט אריין א ביד ביי די אוקשן וואס די ממשלה מאכט און מען איז מצליח!

ר׳ חיים משה ווייסט אז דער קאצקער רבי׳ן׳ס ווערטער זענען געמאסטן און אז ער זאגט יעצט אזאך וואס לויטן שכל קען דאס נישט זיין אויס געהאלטן, בפרט איינער וואס האט נישט שייכות צו די וועלט, אבער ער איז א מאמין אין צדיק, און אז ער זאגט פארן, גייט מען פארן! ר׳ חיים משה גייט אנגעטאן ווי א חסידישער איד און פארט אזוי קיין ווארשא און פרעגט זיך נאך וואו מען מאכט דעם אוקשן און דארטן זיצן גרויסע סוחרים, ר׳ חיים משה זיצט אויף א זייט און לערנט אין א ספר, און זיי קוקן אן א חסידישער איד און פרעגן אים צו ער האט דען אמאל געביט ביי א אוקשן? ער ענטפערט זיי אז נישט. ווען מען הויבט אריינגעבן די פרייזן האט ר׳ חיים משה אנגעפילט זיין צעטל מיט א פרייז אזוי ווי אלע סוחרים האבן געטאן און מען ברענגט זיי אריין צום מושל, און ער איז מאמין אין זיין רבין, און ווארט אין צימער.

עס גייט אריבער א שעה און דער מושל קומט ארויס פון צימער און פרעגט ווער איז דא חיים משה רוטטנבערג? אלע קוקן ארום ביז מען קוקט אויף ר׳ חיים משה וואס זאגט: ער איז דאס! רופט אים צו דער מושל און פרעגט אים ביזטו אפשר פון דער שטאט מַגְנִישׁוֹב? ר׳ חיים משה וואונדערט זיך! ער האט נישט געשריבן אין צעטל וואו ער איז געבוירן געווארן, און פון וואו ווייסט דער מושל אז ער איז פון שטאט מַגְנִישׁוֹב? ר׳ חיים משה ענטפערט: אז ער איז טאקע פון שטאט מַגְנִישׁוֹב, און דער מושל הייסט אים אריין קומען ביי אים אין צימער. דער מושל הייסט אים זיך זעצן און הויבט אן א פריינדליכער שמועס און זאגט איך וועל דיר דערמאנען אזאך וואס דו האסט זיכער פארגעסן. יארן צוריק האב איך אויך געוואוינט אין מַגְנִישׁוֹב ווייל איך בין געווען א יתום פון מיין טאטן און מאמע וואס האבן געוואוינט אין רוסלאנד און מיין פעטער האט געוואוינט אין מַגְנִישׁוֹב און ער האט מיר מסכים געווען צו אריינעמען אין שטוב און האדעווען ווי א קינד, אבער איך האב גענדארפט ארבעטן פאר אים צו זיין א פאסטאך אויף זיינע שעפסן.

ער איז געווען זייער שטרענג מיט מיר און אויב עפעס וואלט געשען מיט א שעפסל וואלט איך געקענט כאפן מכות רצח פון אים, און דעריבער האב איך זייער אכטונג געגעבן אויף די שעפסן, אבער איין טאג האט א שעפסל זיך פארשוואונדן און איך האב דאס נישט געקענט געפינען און איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין און אנגעפאנגען שטארק צו וויינען פון שרעק פון מיין פעטער! קומט צו צו מיר א אידישער בחור און פרעגט מיר אויב ער קען מיר העלפן? און איך האב נישט געוואלט אז א איד זאל וויסן פון מיין צער! אבער ער האט מיר שטארק איינגעבעטן אז ער וועט מיר העלפן, האב איך אים דערציילט וואס איז געשען. פרעגט ער מיר וויפיל געלט דארף מען האבן צו קויפן א שעפסל, און ווען דארף איך זיין אינדערהיים ביי מיין פעטער? האב איך אים געענטפערט וויפיל איך דארף, און אז ביז די שקיעה דארף איך זיין אינדערהיים.

האט ער מיר געזאגט איך זאל בלייבן דאווארטן, און ער וועט גיין פאר מיר שאפן געלט צו קויפן א שעפסל. יענער בחור איז געגאנגען ביי גוטע אידן און געשאפט די געלט און מיר זענען געגאנגען קויפן א שעפסל און איך האב אים געדאנקט. און איך האב אים געפרעגט זיין נאמען, און געטראכט: ווען איך וועל זיין עלטער וועל איך אים באצאלן.

רופט זיך אן דער מושל: איך טראכט שוין לאנג וואו וועל איך טרעפן יענעם מענטש און אים אפצאלן, און יעצט זעע איך אז דו ביזט געווען דער געטרייער בחור און דו האסט מיר געראטעוועט פון מיין פעטער! דעריבער מוז איך דיר יעצט צוריק באצאלן. פון יעצט אן וועל איך דיר געבן די רעכט צו האבן די מעגלאכקייט צו באקומען די געשעפטן וואס די ממשלה וועט דארפן! זיי האבן געדאנקט איינער דעם אנדערן, און ר׳ חיים משה האט געשאפט געלט צו אריינלייגן אין דעם געשעפט פון מושל, און ביז א קורצע צייט איז ער געווארן דער גרויסער עושר. ר׳ חיים משה, האט וועגן דעם מכיר טובה געווען זיין רבין און געשטיצט, און איז אלץ געבליבן דער חסידישער איד מיט הכנעה פארן אויבערשטן און פאר יעדן איד. שלח לחמך על פני המים.

הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה

בריוו פון הרה״ק ר׳ מרדכי מנאדבורנא צו זיינע קינדער, מחצית השקל פון זמן בית שני, ספר בנימין זאב שנת רצ״ט באלאנגט צו תפארת שלמה ראדאמסק און זיין זון דער חסד לאברהם, בריוו פון הייליגן קדושת יו״ט מסיגוט, ספר ספר שו״ת צמח צדק שייך להמלבי״ם און זיין שווער, ספרים מיט חתימות הרה״ק ר׳ שלום בהר׳ מאיר רובין מגלאגאב, ספר מיט חתימות פון הרה״ג ר׳ אברהם יצחק וו״ב פון ק״וו בעל מלל לאברהם ועוד, שלש ספרים מיט חתימת הרה״ק ר׳ שלום הלברשטאם פון פיעקוב א זון פון הרה״ק ר׳ אהרן קרייזער רב זון פון דברי חיים, ספר מיט חתימות הגאון ר׳ יעקב יהושע הלוי הורוויץ א אייניקל פון הפלאה און א אידעם ביי הגאון ר׳ אפרים זלמן מרגליות פון בראד, אויך פון זיין זון הגאון ר׳ פינחס, סעט זוהר בינוני דפוס זיטאמיר, ערשטער דרוק שושנת העמקים פון טשערקאס און הארניסטייפל, בריוו פאפא רב און צעהלימער רב זצוק״ל צוזאמען שרייבן א בריוו צו מחזק זיין תורה, שו״ע אורח חיים ג״ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר,, צו הר׳ אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר׳ יעקב קמינצקי, עטליכע ספרים באלאנגט צו הגאון ר׳ שמואל העללער און נאך טויזנטער ספרים, בריוו פון הרה״ק ר׳ שלום פון שאץ, פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

גאר שיינע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן אין פלאסטיק האלטער׳ס, אויך פארקויפן מיר האלטער׳ס פאר מטבעות

דער גליון איז מוקדש לע״נ אין פליאצניק הבחור החשוב יומן ע״ה בן יחזקאל בנימין הב׳ נ״י ׳ סיון תשע״ט טוב שם טוב משמן טוב!

לויט ווי עס זעט אויס וועט דער קומענדיגן גליון פרדס יהודה ערשיינען נאך סוכות תש״פ, – מיר וועלן אי״ה האבן שיינע אתרוגים און לולבים פון דרי אלע סוגים– און מיר ווילן ווינטשן אלע אונזערע לייענערס א כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים אמן